# דעם רבינ'ס ליכט



אַייְערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וְואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### טְרֵייסְט זִיךְ מַיין קִינְד

דֶער שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת נַחֲמוּ, ווייל אִין דִי הַפְטָרָה פוּן דִי וָואךְ הֵייבְּט אָן דֶער נָבִיא - מִיט דֶעם בַּאפֶעל פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - דִי וֶוערְטֶער "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי".

ר' נָתָן אִיז מְפָרֵשׁ דֶעם פָּסוּק אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוֹפַנִּים, מִיר וֶועלְן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיין וֶועג. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט זִיךְ צוּ דִי אִידְן "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" מַיין טַייעֶר פָאלְק אִיךְ בֶּעט פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "טְרֵייסְט דַיין חַבֵר, דַיינֶע פְרַיינְד"

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן דִי חֲבֵרִים אוֹיף צוּרִיק עֶנְק טְרֵייסְטְן, ווייל יֶעדֶע אֵיינֶער דַארְף בַּאקוּמֶען פוּן זַיין חַבֵר עֵצוֹת אוּן דַעַת וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זַיינֶע חֲבֵרִים וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי לִמּוּדִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי שַׁבָּתִים וֶוען מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶעם לֶעצְטְן שַׁבָּת שַׁבָּת נַחֲמוּ פוּן רֶבִּי'נְס לֶעבְּן, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין דַאן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, דָאס אִיז גֶעוֶוען צְוַוי חֲדָשִׁים אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר שְׁוַואךְ. פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט קִדּוּשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט: "פַארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעקוּמֶען צוּ מִיר? אִיךְ בִּין אִיצְטֶער אַ פְּרָאסְטִיק! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט!"

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד אוּן אִיז אַרַיין אִין אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע שְׁמוּעֶס.

וִוי ס'אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער חִיוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן צוּ עֶסְן, שְׁלָאפְן, פַּרְנָסָה אוּן נָאךְ פְּרִיוָואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, וִויאַזוֹי קֶען דֶעמָאלְטְס דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן חִיוּת - אַ לֶעבְּנְס קְרַאפְט - אוֹיבּ עֶר אִיז דֶעמָאלְט אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי תּוֹרָה? אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע דוֹרוֹת פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן בִּיז דִי דוֹר וֶוען מְ'הָאט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה וִויאַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלֶעבְּט? דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (תּוֹרָה ע"ח תִּנְיָנָא) אַ תִּירוּץ.

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הָאַרְץ: " גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְין!" וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָוארְט גִיוַואלְד, הָאט עֶר דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן פַאר אוּנְז אַלֶע אוּן אוֹיךְ דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אִין דֶעם צַייט וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט וַוייסְט מֶען נִישְׁט קְלָאר וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן גְלוּסְט זֵייעֶר צוּהֶערְן דָאס קוֹל פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי הַפְטָרָה "הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

לְאָיִן שׁוֹפְטֵי אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָׂה (יְשַׁעְיָהוּ מ, כג) – דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע שָׂרִים אוּן הַארְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וועלט אִיז גֶעוָוואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מִיר הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז פוּל חִיּוּת אוּן עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה', אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

אַשְׁרֵינוּ וָואס יֶעדֶער פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי צוּקֶערְדִיגֶע עֵצָה פוּן זוּכְן אוּנְזֶערֶע "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" אוּן פוּן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי". מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזוֹיפִיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה'ס אִין אוּמַאן מִיט דִי אַלֶע תִּקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי קֶען גֶעבְּן נָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג.

יֶעצְט וַוארְט מֶען פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אוּנְזֶער טַאטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הבעל"ט, מֶען קֶען זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים דָאס מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן (ליקוה"ל נט"י ו' פ"ח)




*אין קורצן פון פריער:*

*דער רבי הייסט פאר רבי נתן אריינטראכטן אין תורה אויף אן אופן צו קענען אויפקומען מיט פרישע חידושי תורה, אבער ער האט זיי נאכנישט געהייסן דאס אראפשרייבן, נאר שפעטער. די געשעפטן פון רבי נתנ'ס טאטע גייען אראפ און מען שלאגט אים פאר א רבנות פאסטן. רבי נתן וואקלט זיך. אין ענדע נעמט ער עס נישט אן.*

*אצינד ליינט ווייטער:*

חודש אדר א' יאר תקס"ה איז פארצייכנט מיט גאלדענע אותיות. יענעם חודש האט דער רבי באפוילן פאר רבי נתן צו אנהייבן איבערצושרייבן זיינע תורות צו קענען ארויסגעבן אין א ספר.

ביז דאן – פאר די פארלאפענע צוויי יאר, פלעגט רבי נתן פארשרייבן די תורות און פיל שמועסן

וואס ער האט זוכה געווען צו הערן פון רבי'ן, אבער דער רבי האט נאכנישט געוואלט אז זיינע תורות זאלן געדרוקט ווערן און אנטפלעקט ווערן פאר פרעמדע אבער פאר זיינע חסידים האט ער יא געוואלט אז ס'זאל זיין צו דער האנט.

חודש אדר תקס"ה האט דער רבי געבעטן רבי נתן זאל אפירנעמען אלע כתבי די און דאס איבערשרייבן און מסדר זיין צו ארויסגעבן אין א ספר.

רבי נתן האט זיך פלייסיג גענומען צו דער ארבעט, דערצו איז אים צוהילף געקומען זיין חבר, רבי נפתלי, וועלכער האט פארגעליינט די תורות און רבי נתן האט געשריבן ווארט ביי ווארט.

דריי חדשים האבן זיי ערליך געארבעט און הארט פאר דעם יום טוב שבועות, איז דער ספר געווארן גרייט צו גיין צום דרוק.

טייערע קינדער, רבי נתן האט געארבעט אן קיין פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און הילף. לאנגע שעות איז ער געזעסן און געשריבן מיט די האנט א ווארט נאך א ווארט אז מיר זאלן האבן היינט די טייערע אוצרות - די הייליגע ספרים, דעם הייליגן ליקוטי מוהר"ן וואס מיר פארמאגן.

## קיצור ליקוטי מוהר"ן

אין דעם זעלבן יאר, האט דער רבי געהייסן פאר רבי נתן צו צאמנעמען אין א באזונדערן חיבור די פראקטישע עצות אין עבודת השם וואס מען לערנט ארויס פון זיינע תורות.

רבי נתן האט שפעטער ערקלערט אין זיין הקדמה צום קיצור ליקוטי מוהר"ן, אז דער עיקר רצון פון רבי'ן איז געווען צו צוברענגען דעם מענטש צו פראקטישע עצות. דעם רבי'נס הייליגע תורות זענען פיל מיט הייליגע און טיפע ענינים וואס א קליין מענטש קען נישט באגרייפן, אבער דער רבי האט געוואלט אז מען זאל זיך לערנען דערפון אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן, ווי חז"ל זאגן: "לא המדרש עיקר אלא המעשה - נישט דאס לערנען איז דער עיקר, נאר די מעשים."

אויך דא האט רבי נתן זיך פלייסיג גענומען צו דער ארבעט און אנגעהויבן צו צאמנעמען נקודות באזירט אויף דעם רבינ'ס תורות. נאכ'ן אפשרייבן עטליכע בלעטער, האט רבי נתן געוויזן זיין ארבעט פאר'ן רבי'ן, אבער דער רבי איז נישט געווען צופרידן.

דאן האט רבי נתן דאס איבערגעשריבן אויף אן אנדערע גאנג. ווען דער רבי האט געזען די נייע אויסשטעל, איז עס אים זייער געפעלן און זיך אויסגעדרוקט: "ס'איז א שיין צעטל!"

פון די אלע עצות און געדאנקען וואס מען לערנט ארויס פון די תורות אין ליקוטי מוהר"ן, האט רבי נתן שפעטער ארויסגעגעבן דער ספר קיצור ליקוטי מוהר"ן.

## מזל טוב! מזל טוב!

סוף חודש אדר תקס"ה איז אין דער שטאט ברסלב איבערהויפט ביי דעם רבינ'ס חסידים געווארן א גרויס פרייד, ווען עס איז געבוירן געווארן ביים רבי'ן א זון. דער רבי האט געלייגט גרויס האפענונג אויף דאס קינד, זאגנדיג אז זיין נשמה איז זייער א דערהויבענע, וואס קען פיל מזכה זיין די וועלט

און ברענגען די וועלט צו איר תיקון.

צו רבי נתן און די אנדערע חסידים אין נעמירוב האט דערגרייכט די גוטע בשורה איבער דעם געבורט פון רבינ'ס קינד און זיי זענען געקומען צו פארן. זיי זענען געבליבן אין ברסלב פון א טאג נאכ'ן געבוירט ביז עטליכע טעג נאכ'ן ברית. ביים ברית איז דער רבי אליין געווען סנדק און מוהל און ער האט אויך מכבד געווען רבי נתן מיט א כיבוד. דער רבי האט א נאמען געגעבן דאס הייליג קינד שלמה אפרים.

אין די טעג פון די שמחה האט רבי נתן געהערט פיל תורות און שמועסן פון דעם רבי'נס הייליגע מויל.

שבת החודש, פרשת תזריע, אינדערפרי פאר די סעודה, איז אן עולם געקומען וואונטשן מזל טוב פאר'ן רבי'ן. נאך וואס די מענטשן זענען זיך צוגאנגען, זענען רבי נתן מיט נאך עטליכע חסידים פארבליבן. דער רבי האט באמערקט אז רבי נתנ'ס שיך זענען זייער פארקרומט און די זוילן פארדרייט אויף פארנט, האט דער רבי זיך אנגערופן: "דיינע שיך זעען אויס ווי א פאטש אין פנים." דערנאך האט ער געשוויגן א ווילע.

ווען די חסידים האבן געהערט די ווערטער, האבן זיי גלייך פארשטאנען אז דאס וואס דער רבי האט דא געזאגט זענען נישט געווען קיין פשוט'ע ווערטער, נאר עס ליגן אין דעם באהאלטן טיפע און העכערע סודות.

דאן האט דער רבי זיך אנגערופן: "אונזערע שיחות חולין (לייגנדיג דגוש אויפ'ןווארט "אונזערע") זאל מיר א מקובל וואס קען תורת הקבלה זאגן, ווי אזוי די באמערקונגען ענטהאלט אלע כוונות פון קבלה וואס איז דא ביי ברית מילה, אזוי אויך ענינים וואס זענען העכער ווי קבלה."

רבי נתן שרייבט:

מיט פארכטיגקייט און הייליגקייט האבן די ווערטער אנגעהויבן ארויסצופליסן פון דעם רבינ'ס הייליגע ליפן. ער האט דערמאנט פארשידענע מאמרים פון חז"ל וואס האבן שייכות מיט "סנדל" (שיך) וואס לערנען ארויס אז דער ענין פון סנדל פארמאגט טיפע סודות התורה. דער רבי האט דערנאך געזאגט א גאר טיפע תורה (ליקוטי מוהר"ן סימן סג) אבער ער האט נישט ערקלערט די צוזאמענהאנג צווישן די פארשידענע חלקים אין די תורה, נאר אלעס איז איבערגעגעבן געווארן ברמז. מיר האבן געזען מיט די אויגן די וואונדער ווי אפילו שיחות חולין פון אן אמת'ער צדיק איז פארוויקלט מיט אזעלכע טיפע סודות התורה. זאל דער באשעפער אונז שענקען די זכי' דאס אלעס אינגאנצן צו פארשטיין.

*

אויסער די טיפע כוונות פון דעם רבינ'ס תורה איבער דעם ענין פון סנדל, האט דער רבי געמיינט פשוט פשט צו אויפמערקן רבי נתן איבער דעם מצב פון זיין שיך. חז"ל זאגן אז א מענטש זאל פארקויפן אלעס כדי צו קענען קויפן שיך, אזוי אויך זאגן חז"ל אז א מענטש זאל נישט גיין אין גאס מיט פארלאטעטע שיך. בכלל האט דער רבי מקפיד געווען מען זאל גיין ריין אנגעטון, ובפרט א תלמידי חכם און צדיקים וואס דארפן משפיע זיין אויף אנדערע, זאלן נישט גיין אנגעטון אויף א מבוזה'דיגן אופן. דער רבי האט געגעבן פאר רבי נתן צו הערן איבער זיינע שיך וואס איז "א פאטש אין פנים" אז ער איז דער צוקונפטיגער מנהיג ישראל און ס'פאסט נישט פאר אים אזא שיך...

# דאס געשריי אין רוסישן טורמע #3



פאַרזעצונג פון פאריגע וואך סיפור פון ר׳ מֹשֶׁה יֶרוּסְלַבְסְקִי

חֹדֶשׁ כִּסְלֵיו זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן שִׁיף אִין אָדֶעסֶע אוּן כ׳ כִּסְלֵיו תרח״צ (דִי שְׁוֶועְרְסְטֶע יָארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דִי יָאר הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְטְס קְרִיג) זֶענֶען זֵיי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אִין פָּארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע לַאנְד. זַיין אַרוֹיפְקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער וואוּנְדֶער בַּיי אַלֶע, וִוי הָאט זִיךְ אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַרוֹיסְגֶעשְׁמוּגְלְט פוּן רוּסְלַאנְד אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן? ר׳ מֹשֶׁה הָאט אָבֶער אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין כֹּחַ פוּן צַדִיק, וָואס הָאט גֶעזָאגְט: ״בַּיי מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט!״

ר׳ מֹשֶׁה הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין יְרוּשָׁלַיִם צְווִישְׁן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גַאנְץ וֵוייניִג אִין יֶענֶע צַייט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ זִיךְ צוּ דְרֵייֶען אִין דִי גֶעסַאלַאךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט וואוּ מֶען קֶען מְקַיֵים זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות אָפֶענֶערְהֵייט. אֵיין זַאךְ הָאט אִים שְׁטַארְק גֶעבַּאדֶערְט דִי גַאנְצֶע צַייט, וָואס וֶועט זַיין מִיט זַיין הַבְטָחָה? עֶר הָאט דָאךְ עֶפֶּעס צוּגֶעזָאגְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר וֶועמֶען צוּצוּגְרֵייטְן סְעוּדוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דֶער קִבּוּץ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלֵיין, אוּן וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פוּנְדֶערְוַוייט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעאָרְדְנְט מִיט אַן אַכְסַנְיָה, ר׳ מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען פַאַרְצְוֵוייפְלְט זָאל עֶר אוֹיפְגֶעבְּן זַיין צוּזָאג?

ר׳ מֹשֶׁה הָאט זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶוען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה צוּ זַיין מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי גְדוֹלֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אִין יֶענֶער צַייט, וָואס הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט אַז אַזוֹי וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת זָאל עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַנְשְׁטָאט צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה בַּיים יָארְצַייט פוּן רֶבִּ׳ן חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת, דֶער גֶעדַאנְק אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר ר׳ מֹשֶׁה אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאט גֶעהַאט אַ חֲזָקָה אוֹיף דֶער סְעוּדָה פוּן יָארְצַייט, ר׳ יְחִיאֵל גְרִינְוַואלְד זַ״ל פְלֶעגְט עֶס יֶעדְן יָאר צוּשְׁטֶעלְן. ר׳ מֹשֶׁה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ יְחִיאֵל אוּן אִים עֶרְקְלֶערְט אַז עֶר הָאט אַ הַבְטָחָה פוּן יָארְן צוּרִיק דֶערִיבֶּער בֶּעט עֶר אוֹיבּ עֶר אִיז גְרֵייט אִים צוּ מְוַותֵּר זַיין דִי זְכוּת אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאל עֶר נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי סְעוּדָה פוּן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת בַּיים יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן. ר׳ יְחִיאֵל הָאט גֶערְן צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן ר׳ מֹשֶׁה הָאט גֶענוּמֶען פְלַאנֶען וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט צוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדָה.

אִין דֶער גְרוֹיסֶער סוּכָּה פוּן ר׳ מֹשֶׁה אוֹיף רְחוֹב שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאבְּן זִיךְ חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת חַ״י תִּשְׁרֵי צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳עֲחַסִידִים, גֶעקוּמֶען פְּרַאוֶוען מִיט פְרֵייד דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ן, ר׳ מֹשֶׁה פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייֶען צְווִישְׁן דִי גֶעסְט מִיט זַיינֶע

דְרַיי זִין און אַרײַנגֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן און טְרִינְקֶען און וָואס נָאר עֶס הָאט גֶעפֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט רוּפְן זַיינֶע זִין מִיט זֵייעֶרֶע רוּסִישֶׁע נֶעמֶען אַבְּרַאשַׁא (אַבְרָהָם) נַאשְׁקֶע, (נַחְמָן) מָאטְקֶע... (מָרְדְּכַי) וַוייזְט אוֹיס נָאךְ פוּן גֶעוואוֹינְהֵייט פוּן דִי יָארְן אִין רוּסְלַאנְד.. עֶלְטֶערֶע אִידְן וָואס גֶעדֶענְקֶען נָאךְ דִי שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת דֶערְצֵיילְן אַז כָּאטְשׁ אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ מֵיינוּנְגְס-פַארְשִׁידְנְהֵייט צְוִוישְׁן דִי אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם און דִי אַנְשֵׁי צְפַת וֶועגְן גֶעוִויסֶע הַשְׁקָפוֹת דָאךְ זֶענֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעקוּמֶען פְרַאוֶוען דִי יָארְצַייט סְעוּדָה אִין דֶער סוּכָּה פוּן ר׳ מֹשֶׁה יֶרוּסְלַבְסְקִי אוֹיךְ דִי צְפַת׳עֶר חֲסִידִים און אוֹיךְ יְרוּשָׁלַיִמֶע׳ר חֲסִידִים כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד, זִיךְ גֶעפְרֵייט און מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ן מִיט לִיבְשַׁאפְט און פְרַיינְדְשַׁאפְט, מֶען הָאט גֶעקֶענְט מַמָּשׁ שְׁפִּירְן דֶעם וּפְרֹשׂ עָלֵינוּ סֻכַּת רַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם....




מִיט דֶער צַייט הָאט ר׳ מֹשֶׁה אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין פַּרְנָסָה, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ גֶעשֶׁעפְט און גֶעהַאנְדְלְט מִיט הָאלְץ און הָאט זֵייעֶר שֵׁיין פַארְדִינְט, פוּן זַיין פַארְדִינְסְט פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן צְדָקָה אוֹיף זֵייעֶר א וואוּנְדֶערְלִיכֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטְן וֶועג. עֶר פְלֶעגְט פַארְבָּארְגְן גְרוֹיסֶע סְכוּמִים גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן און מְוַתֵּר זַיין אוֹיף אַ חֵלֶק און עֶס אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַן אָפְטֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג וֶוען עֶר הָאט אוֹיךְ מְוַתֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער סְכוּם... דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן ר׳ מֹשֶׁה דֶערְצֵיילְן אַז פַארְן בּוֹיעֶן דִי שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים הָאט ר׳ מֹשֶׁה פַארְבָּארְגְט פַאר ר׳ אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זַ״ל צֶען טוֹיזֶנְט לִירוֹת צוּ קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן דֶער שֶׁטַח צוּ בּוֹיעֶן דִי שׁוּל, ר׳ אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט פְּרָאבִּירְט צוּ אוֹיסְקְרַאצְן פוּן אַלֶע זַייטְן בִּיז עֶר הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט טוֹיזְנְט לִירוֹת צוּ אָפְּגֶעבְּן פַאר ר׳ מֹשֶׁה, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאט ר׳ מֹשֶׁה מְוַתֵּר גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז עֶס בּוֹיעֶט זִיךְ אַ שֵׁיינֶע שׁוּל אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען.

נָאךְ אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מֶען אַז יָארְן שְׁפֶּעטֶער בַּיי דֶער לְוָיָה פוּן ר׳ מֹשֶׁה הָאט מֶען גֶעזֶען דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי הָרַב הַצַּדִּיק ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק קָאהֶן זַ״ל אִיז גֶעקוּמֶען בַּאגְלֵייטְן ר׳ מֹשֶׁה צוּ זַיין לֶעצְטְן וֶועג און עֶר בַּאוֵויינְט אִים מִיט טְרֶערְן. עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן דָאס בַּאמֶערְקְט הָאבְּן זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט, דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין אָפְט צוּ קַיין לְוָיוֹת... נָאךְ דִי לְוָיָה זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען און גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז עֶפֶּעס דֶער אִיד עֶקְסְטֶער וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זַאךְ? הָאט זֵיי דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַיי אַזַא אִיד... אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה:

פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר זֶענֶען מַיינֶע מוֹסְדוֹת גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד, דִי קְהִלָּה אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן און גֶעלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, דִי חוֹבוֹת זֶענֶען גֶעשְׁטִיגְן גְרֶעסֶער און הֶעכֶער און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זִיךְ צוּ קֶערְן, בִּיז אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ אִיד אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר׳ מֹשֶׁה יֶרוּסְלַבְסְקִי וָואס עֶר פַארְבָּארְגְט פַאר מֶענְטְשְׁן גְרוֹיסֶע סְכוּמִים גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן בֶּעטְן בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶע הַלְוָאָה אוֹיף אַ לֶענְגֶערֶע טֶערְמִין, און מִיט דִי גֶעלְט אָפְּגֶעבְּן אַלֶע חוֹבוֹת, אַזוֹי אַז לִיבֶּערְשְׁט זָאל דִי מוֹסְדוֹת קוּמֶען גֶעלְט נָאר פַאר אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ אַז אִיךְ וֶועל

הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט בִּיז אִיךְ דַארְף אָפְּצָאלְן דֶעם חוֹב וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי רוּאִיגְקֵייט אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען שַׁאפְן נָאךְ גֶעלְט פוּן נְדִיבֵי עַם צוּ אָפְּגֶעבְּן דֶעם גְרוֹיסְן חוֹב פַאר ר׳ מֹשֶׁה. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אִין בַּאטְרַאכְט אַז ס׳אִיז גַאנְץ מֶעגְלִיךְ וִויבַּאלְד ר׳ מֹשֶׁה אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער, עֶר גֶעהֶערְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה וֶועט עֶר מִיר נִישְׁט וֶועלְן בָּארְגְן אַזַא גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶר הָאט מִיר גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן!

וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ ר׳ מֹשֶׁה אוּן אִים גֶעבֶּעטְן דִי גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט: ״תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי וֶוער וֶועט זַיין עָרֶב פַאר אַייךְ אוֹיבּ אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן צוּ אָפְּצָאלְן דֶער חוֹב?״ הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עָרֵב בַּעֲדִי.... דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט זַיין מַיין עָרֵב...״ נוּ אוֹיף אַזַא עָרֵב הָאט ר׳ מֹשֶׁה צוּפְרִידְנֶערְהֵייט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן הָאט מִיר גֶעבָּארְגְט דָאס גֶעלְט.



עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טֶערְמִין צוּ אָפְּצָאלְן פַאר ר׳ מֹשֶׁה דִי גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, וִויפִיל אִיךְ הָאבּ נָאר פְּרָאבִּירְט דָאס צַאמְצוּשְׁטֶעלְן אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ פַארְשַׁאפְן דָאס גֶעלְט. פַארְצְוֵוייפְלְט בִּין אִיךְ וִוידֶער אַרַיין צוּ ר׳ מֹשֶׁה אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען פַארְלֶענְגֶערן דִי צַייט וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָפְּצוּגֶעבְן, צוּ מֵיין גְרוֹיס פְרֵייד הָאט ר׳ מֹשֶׁה בַּאלְד מַסְכִּים גֶעוֶוען, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט צוּ פְּרָאבִּירְן צַאמְשְׁטֶעלְן דִי חוֹב. נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט-אָפְּשְׁנִיט אִיז מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס גְרֵייט גֶעוֶוען דָאס גַאנְצֶע סְכוּם צוּ אָפְּגֶעבְן פַאר ר׳ מֹשֶׁה, מִיט פְרֵייד בִּין אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעוָואלְט אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס גֶעלְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי בַּיים שְׁוֶועל פוּן זַיין טִיר שְׁרַייט ר׳ מֹשֶׁה אַרוֹיס צוּ מִיר: ״תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי, סְ׳אִיז אַלֶעס אִין אָרְדֶענוּנְג... אִיר דַארְפְט מִיר שׁוֹין נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִי הַלְוָאָה, וַוייל דֶער עָרֵב הָאט שׁוֹין אַלֶעס אָפְּגֶעצָאלְט פַאר אַייךְ...״

פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, פִירְט אוֹיס דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אַזַא אִיד, מִיט אַזַא אֱמוּנָה, אַזַא תְּמִימוּת... אַ אָדָם כָּשֵׁר וִוי אִים זָאל אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען בַּאגְלֵייטְן?

ר׳ מֹשֶׁה הָאט אִין יֶענֶע צַייט אַסַאךְ פְּרָאבִּירְט שְׁתַּדְלֶ׳ען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אַיינְטְרִיט עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ אַרַיינְפָארְן אִין רוּסְלַאנְד צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּ׳ין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶר הָאט פַאר דֶעם צְוֶועק גֶעשִׁיקְט בְּרִיוְו צוּ וֶועמֶען מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט, עֶטְלִיכֶע מָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן רוּסִישְׁן קָאנְסוּל בֶּעטְן הִילְף צוּ בַּאקוּמֶען אַ לֶעגַאלֶע עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער לַיידֶער אִיז אַרִיבֶּער אַן אַ שִׁיעוּר מְנִיעוֹת פוּן אַלֶע זַייטְן. י״ט סִיוָן תשי״ט הָאט ר׳ מֹשֶׁה אָפְּגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק, אוּן מִיר גְלֵייבְּן אַז זַיינֶע טְרֶערְן אוּן תְּפִלּוֹת, זַיינֶע אֶמֶתְ׳ע לוֹיטֶערֶע רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּ׳ין אַז יֶעדֶער זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן אַלֶע גְרוֹיסֶע מוֹיעֶרְן אוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים קֶענֶען וִוידֶער קוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ין אִין אוּמַאן.

ענדע

# ס'איז געווען פרייליך, ס'איז געווען א מצב!

אוֹיפְצוּפִירְן אָן קֵיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ און טוּן וָואס מְ'ווִיל...

אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ מֶענְטְשׁ איז פוּל מִיט פְרֵייד, לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז עֶס עֶקְזִיסְטִירְט אַ "פַאלְשֶׁע שִׂמְחָה". אֶמֶת'ע שִׂמְחָה אִיז נָאר דָאס וָואס בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער און צוּ עוֹסֵק זַיין אִין נִצְחִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז שְׁטַארְק גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ

המשך פון די לעצטע זייט

טְרִינְקֶען קֵיין מַשְׁקֶה אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיסֶער פּוּרִים. מְ'דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעטְרוּנְקֶען מַשְׁקֶה און זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן, רֶבִּי נָתָן, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט און אִים בַּאשָׁאטְן מִיט שְׁבָחִים. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, יָא, עֶס וָואלְט גֶעוָוען זֵייעֶר שֵׁיין, ווֶען דוּ וָואלְסְט עֶס נִישְׁט גֶעזָאגְט פוּן אַן אָנְגֶעטְרוּנְקֶענֶע מוֹיל..."




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז, דֶער 'דִיבּוּר'"! וָוארְן דֶער 'חִילוּק' פוּן אַ 'מֶענְטְשׁ' בִּיז אַ 'בְּהֵמָה', אִיז זִיךְ נָאר דֶער 'דִיבּוּר'!

און אַז [וויבַּאלְד] 'דָאס' אִיז דֶער 'עִיקָר' [מִיט] וָואס אַ 'מֶענְטְשׁ' אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ 'בְּהֵמָה'! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דָאס דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' (דְהַיְינוּ: דֶער 'דִיבּוּר')!

[צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'דַּבְּרָן' (דְהַיְינוּ: אַ 'רֶעדֶער') - וָואס עֶר זָאל זַיין אַ 'בַּעַל-לָשׁוֹן', וָואס עֶר זָאל קֶענֶען כַּמָּה 'לְשׁוֹנוֹת' [אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן] - און עֶר זָאל אַסַאךְ רֶעדְן תָּמִיד! - וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז בַּיים 'תַּכְלִית'!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען - און הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'מְשׁוּגָע'נֶעם פְרַאנְצוֹיז' - וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, און הָאט צוּ זִיךְ אַלֵיין גֶערֶעדְט! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "צוּ עֶר קֶען 'לְשׁוֹנוֹת'"?! הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט 'כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת'.

און אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, דֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין בְּוַודַּאי דֶערְלַאנְגְט דֶעם 'תַּכְלִית' (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע [פַארְבְּלַאנְדְזֶעטֶע] דֵּעָה' נָאךְ)! - וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ 'בַּעַל-לָשׁוֹן', און עֶר ווֵייסְט 'כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת', און עֶר רֶעדְט זֵייעֶר

אַסאַךְ! וָוארְן עֶר רֶעדְט זִיךְ, אֲפִילוּ צוּ זִיךְ אַלֵיין!

אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר זֵיי וואוֹיל-גֶעפֶעלְן – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר ׳מֶלֶךְ׳! – אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַאי גֶעפִירְט בְּדֶרֶךְ־הַיָשָׁר!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ אִיז ׳שִׂמְחָה׳״! וָוארְן אַז [וֶוען] אַ ׳קִינְד׳ ווערְט גֶעבּוֹירְן, אִיז מֶען ׳פְרֵיילֶעךְ׳! – אַז [וֶוען] סְ׳אִיז [דָא] אַ ׳חֲתוּנָה׳, אִיז מֶען ׳פְרֵיילֶעךְ׳! – אַז [וֶוען] מֶען נֶעמְט אֶפּ אַ ׳מְדִינָה׳, אִיז מֶען ׳פְרֵיילֶעךְ׳!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ פוּן אַלֶעמֶען [אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ פוּן אַלֶעס, אִיז], נָאר ׳שִׂמְחָה׳!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן, וָואס עֶר זָאל תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין! – וָוארְן ׳דֶער׳ אִיז זִיךְ בַּיים ׳תַּכְלִית׳, אוּן ׳דֶער קֶער׳ [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיף זֵיי!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: סְ׳גֶעגַאנְגֶען אַ ׳גוֹי׳ אִין אַ ׳מִיאוּס הֶעמְד׳, אוּן הָאט גֶעטְרָאגְן אַ ׳פְלֶעשְׁל בְּרַאנְד-וַויין׳ [בְּרוֹינְפְּן]!

אוּן סְ׳זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען ׳כַּמָה גוֹיִים׳! – אוּן דֶער ׳גוֹי׳ אִיז ׳זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ׳ גֶעוֶוען, וָוארְן עֶר אִיז ׳זֵייעֶר שִׁיכּוֹר׳ גֶעוֶוען! הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: ״אַז דֶער ׳גוֹי׳ אִיז ׳זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ׳! אוּן עֶר הָאט קֵיין ׳שׁוּם דַאֲגָה׳ נִישְׁט״!

[צוּלִיבּ דֶעם] אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל-גֶעפֶעלְן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גוֹי׳! – וָוארְן עֶר אִיז בַּיים [הָאט דֶערְגְרֵייכְט דֶעם] ׳תַּכְלִית׳! – וָוארְן דֶער ׳תַּכְלִית׳ אִיז זִיךְ [דָאךְ] נָאר ׳שִׂמְחָה׳! הָאבְּן זֵיי דֶעם ׳גוֹי׳ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳ אִיבֶּער זֵיי! – אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַאי גֶעפִירְט בְּדֶרֶךְ־הַיָשָׁר!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן – דְהַיְינוּ: דָארְט וְוִי ׳וַויין־גֶערְטְנֶער׳ זֶענֶען! אַז מֶען זָאל מַאכְן ׳וַויין! אוּן פוּן דִי ׳קֶערְנְדְלִיךְ׳ פוּן דִי ׳וַויין־טְרוֹיבְּן׳, זָאל מֶען מַאכְן ׳בְּרַאנְד-וַויין׳ [בְּרוֹינְפְּן]! – אוּן סְ׳זָאל גָארְנִישְׁט גֵיין לְאִיבּוּד, קֵיין שׁוּם זַאךְ פוּן דִי ׳וַויין־טְרוֹיבְּן׳!

וָוארְן דָאס אִיז אִיז זִיךְ [דָאךְ] בַּיי זֵיי, דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ גֶעוֶוען, אַז מֶען זָאל ׳טְרוּנְקְן׳, אוּן מְ׳זָאל ׳שִׁיכֶּערְן׳, אוּן מְ׳זָאל תָּמִיד ׳פְרֵיילֶעךְ׳ זַיין! – כָאטְשֶׁע מְ׳וֵוייסְט גָארְנִישְׁט מִיט וָואס – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט ׳עֶפֶּעס׳ ׳פְרֵיילֶעךְ׳ צוּ זַיין!

אִיז אָבֶּער פָּארְט בַּיי זֵיי דָאס, דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ גֶעוֶוען: ״אַז מְ׳זָאל תָּמִיד ׳פְרֵיילֶעךְ׳ זַיין״!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס סְ׳קֶער דֶערְצוּ, כַּנַ״ל – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער ׳עִיקָר׳ [תַּכְלִית] אִיז ׳חָכְמָה׳״! הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזוּכְט אַ ׳גְרוֹיסְן חָכָם׳! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳ אִיבֶּער זֵיי!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי

'קֶער' צוּ 'חָכְמָה'! – און זיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, און הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט! אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז: אַז מְ'זָאל זִיךְ פִּילֶעוֶוען אִין 'עֶסְן' און 'טְרִינְקֶען – מְ'זָאל 'גְרֵייסְן' דִי 'אֵבָרִים'!

און זיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ 'בַּעַל-אֵבָרִים'! – דְהַיְינוּ: אַזוֹינֶער [אַזַא אֵיינֶער] וָואס עֶר הָאט 'גְרוֹיסֶע אֵבָרִים', און עֶר פִּילֶעוֶועט זִיךְ צוּ גְרֵייסְן זַיְינֶע 'אֵבָרִים' (דְהַיְינוּ: דִי 'גְלִידֶער' פוּן דֶעם 'גוּף')!

וָוארְן, וַוייל [ווייבַּאלְד] עֶר הָאט 'גְרוֹיסֶע אֵבָרִים' – הָאט עֶר זִיךְ 'מֶער חֵלֶק' אִין דֶער וֶועלְט! – וָוארְן עֶר פַארְנֶעמְט מֶער 'אָרְט' [פְּלַאץ] אִין דֶער וֶועלְט – און דֶער מֶענְטְשׁ, אִיז [מֶער] נֶענְטֶער צוּם 'תַּכְלִית'! – וָוארְן דֶער 'תַּכְלִית' אִיז זִיךְ [דָאךְ], אַז מְ'זָאל גְרֵייסְן דִי 'אֵבָרִים'!

אִיבֶּערְדֶעם, אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'! זֶענֶען זיי גֶעגַאנְגֶען – און הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'לַאנְגֶען [לַאנְגֶער הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ, וָואס מְ'רוּפְט:] וֵויינְגֶער' ['וֵויינְגֶער' אִיז אַ לַאנְד נֶעבְּן 'אוּנְגַארְן', וָואס דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט זֶענֶען הוֹיךְ, מִיט וֵוייניג שֵׂכֶל (ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל)]!

אִיז עֶר זיי גֶעפֶעלְן! – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ 'בַּעַל-אֵבָרִים', און עֶר אִיז בַּיים 'תַּכְלִית'! הָאבְּן זיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

און זיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי זָאל קֶערְן דֶערְצוּ – און זיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, און הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט! און ס'גֶעוֶוען אַ אַנְדֶערֶע 'כִּיתָּה', וָואס זיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דִי 'אַלֶע זַאכְן', זֶענֶען 'אַלֶע' גָאר קֵיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט!

נָאר דֶער 'רֶעכְטֶער [רִיכְטִיגֶער] תַּכְלִית' אִיז: אַז מְ'זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין 'תְּפִילָּה' צוּ 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ'! – און מְ'זָאל זַיין אַ 'עָנָיו', און אַ 'שְׁפַל-בֶּרֶךְ' (כְּלוֹמַר: מְ'זָאל פוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט הַאלְטְן) וְכוּ'"! און זיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'בַּעַל-תְּפִילָּה'! און זיי הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זיי!

(דָאס פַּארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין: אַז דִי 'אַלֶע כִּיתּוֹת' הַנַּ"ל. הָאבְּן זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גֶעוֶוען, און זֶענֶען אַלֶע פַארְפִּירְט גֶעוָוארְן, אִין 'גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט'! – אִיטְלֶעכֶע כִּיתָּה, אִין אִיר 'נַארִישְׁקַייט'! – דוּרְךְ זֵייעֶרֶע 'נַארִישֶׁע סְבָרוֹת', און 'נַארִישֶׁע גֶעדְרַאנְגֶען'! –

נָאר דִי 'אוּנְטֶערְשְׁטֶע [לֶעצְטֶע] כִּיתָּה', 'דִי' הָאבְּן צוּגֶעטְרָאפְן דֶעם 'רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] אֱמֶת'! – אַז וואוֹיל אִיז זיי!) [זֶעה 'לִקּוּטֵי-הֲלָכוֹת', הִלְכוֹת תְּפִלָּה ד – וויאַזוֹי רַבִּי נָתָן ז"ל צוּנֶעמְט דָארְט יֶעדֶע כִּיתָּה].

דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער פוּן דִי 'גִבּוֹרִים' – פַאר דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָּה'!

און עֶר הָאט אִים וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט: "אַז 'זיי' (דְהַיְינוּ: דִי [דָאזִיגֶע] 'גִבּוֹרִים' וָואס זיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', כַּנַּ"ל – זיי זֶענֶען פוּן דֶער 'כִּיתָּה' פוּן דִי 'בַּעֲלֵי-אֵבָרִים'

(דְהַיְינוּ: דִי 'כִּיתָּה' וָואס זיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז נָאר, אַז מְ'זָאל זִיךְ 'פִּילֶעוֶוען' צוּ גְרֵייסְן דִי אֵבָרִים")! – וָואס זיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען [אוֹיף זיי] פַאר אַ מֶלֶךְ', אַ 'בַּעַל-אֵבָרִים', כַּנַּ"ל" (דְהַיְינוּ: אַ 'גְרוֹיסְן מֶענְטְשְׁן', כַּנַּ"ל)!

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (10)

**א. ווען האבן גענומען די פינעפטע כתה פאר א קעניג?**
- ❑ איינער וואס קען הויך רעדן
- ❑ איינער וואס קען הויך שרייען מיט א שטיל קול
- ❑ א משוגענעם פראנצויז וואס רעדט צו זיך

**ב. ווען האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית שמחה?**
- ❑ א גוי א שיכור
- ❑ א מענטש וואס פלעגט משמח זיין אלמנות און יתומים
- ❑ א מענטש וואס פלעגט לאכן א גאנצן טאג

**ג. מיט וואס האבן זיי זיך געפריידט?**
- ❑ אז זיי האבן געטראפן א פאסיגן קעניג
- ❑ מיט אמונה און נקודות טובות
- ❑ זיי האבן גאר נישט מיט וואס זיך צו פרייען

**ד. ווען האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית חכמה?**
- ❑ א זוהן פון א חכם
- ❑ א תלמיד חכם
- ❑ א גרויסן חכם

**ה. פארוואס האט די אכטע כתה געהאלטן אז דער תכלית איז גרויסן די איברים?**
- ❑ ווייל ער האט מער חלק אין דער וועלט
- ❑ ווייל ער האט מער כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט געזאגט די ניינטע כתה אז דער תכלית איז?**
- ❑ נאר צו עוסק זיין אין תפלה צו השי"ת
- ❑ צו זיין א עניו און שפל ברך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. ווען האבן זיי קודם געטראפן פאר א קעניג?**
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן
- ❑ אונזער בעל תפלה
- ❑ עפעס א בעל תפלה

**ח. וועלכע פון די אלע כתות האבן געטראפן די אמת?**
- ❑ אלע כתות האבן זיך טועה געווען
- ❑ נאר די כתות פון שמחה און תפילה
- ❑ נאר די כתה פון תפילה

**ט. פון וועלכע כתה זענען געווען די מענטשן פון גבור?**
- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז רציחה
- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז צו גרויסן די איברים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייטמאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... **ביי וועלכע כת שטייט נישט אז זיי האבן געזוכט א לאנד וואס זי זאל קערן דערצו ?**

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... **ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואו זיי האבן זיך באזעצט ?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (9)

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט ? די כת פון רציחה

באציִבן אויף יעדע איינע פון די פיר לשונות, אויף וועלכע כת האט עס דער רבי געשריבן

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ - ער עסט נאר איידעלע זאכן.

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין - די וועלט זאל זיין באזעצט מיט מענטשן

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... - רציחה

הָאבִּין דִי כִּיתָּה גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָל צוּ... - כבוד

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה' 9 איז הב' נחמן שמעון בעק, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות, רופט**

**646-585-3040    02-5-3333-72**

# ס'איז געווען פרייליך, ס'איז געווען א מצב!

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן דִי מָאדְנֶע גְרוּפֶּעס וֶועלְכֶע זֶענֶען פַארְפָארְן פוּן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַלֶע סָארְטְן גֶעדַאנְקֶען און גֶעמַאכְט נַארִישֶׁע חֶשְׁבּוֹנוֹת, וָואס הָאט זֵיי גֶעפִירְט צוּ אַ לֵיידִיגֶע און פּוּסְטֶע לֶעבְּן, וַוייט פוּנֶעם אֱמֶת.

צְווִישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ כַּת וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן פְרֵיידְט מֶען זִיךְ, בַּיי אַ חֲתוּנָה פְרֵיידְט מֶען זִיךְ, און וֶוען מְ'נֶעמְט אַיין אַ מְדִינָה פְרֵיידְט מֶען זִיךְ אוֹיךְ.

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען און גֶעטְרָאפְן אַן אָפְּגֶערִיסֶענֶעם גוֹי, אָנְגֶעטוּן מִיט צוּרִיסֶענֶע שְׁמַאטֶעס, הַאלְטְנְדִיג אַ פְלַאשׁ מַשְׁקֶה אִין דִי הַאנְט. עֶטְלִיכֶע גוֹיִם זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען און עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ. פַארְוָואס? וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען שִׁיכּוֹר!

יֶענֶעם אָוֶונְט וֶועט אֱלִיעֶזֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן. נָאכְ'ן סֵדֶר הַלִּימּוּד אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים, און אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט זַיין חַבֵר דָוִד. "דוּ וֶועסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן וִוי פְרֵיילִיךְ ס'אִיז הַיינְט גֶעוֶוען בַּיי דִי חֶבְרָה. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן... ס'אִיז גֶעוֶוען אַ מַצָּב! ס'אִיז גֶעוֶוען פַיין, מְ'הָאט גֶעהוּלְיֶעט, ס'אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ!"

"וָואס אִיז גֶעשֶׁען, אֱלִיעֶזֶר? וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען? דוּ מַאכְסְט מִיךְ נַייגֶערִיג!" הָאט דָוִד גֶעפְרֶעגְט מִיט גְרוֹיסֶע אוֹיגְן. "הֶער אוֹיס, דֶער מַשְׁגִּיחַ אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאבְּן מִיר גֶעטוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט. עֶטְלִיכֶע אִינְגְלֶעךְ הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶער רוֹב הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט וַואסֶער און זִיךְ גֶעשְׁפְּרִיצְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן. צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען אֲפִילוּ אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיף דִי טִישְׁן. נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט 'וַואסֶער-בַּאלָאנֶען' פוּן אַיינְגֶעוִויקֶעטֶע טִישׁוּס און זִיךְ בַּאוָוארְפְן דֶערְמִיט. בְּקִיצוּר, דָוִד, ס'אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב..."



בֶּן-צִיּוֹן, זֶעעֶנְדִיג דֶעם גַאנְצְן מַצָּב אִין דִי חֶבְרָה אָן דֶעם מַשְׁגִּיחַ, הָאט צוּרִיקְגֶעלֵייגְט זַיינֶע זַאכְן אִין זַיין טַאשׁ און אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען מַעֲרִיב. הַיינְט הָאט עֶר גֶעהַאט מֶער צַייט וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ דַאוֶונֶען שְׁטַאט, אִינְזִין הָאבְּנְ'דִיג יֶעדֶעס וָוארְט, און זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער "וְאַהֲבָתְךָ אַל תָּסִיר מִמֶּנּוּ לְעוֹלָמִים", הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה און שְׁפִּירְן דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אַהֲבָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּ אִים.

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען, אִיז שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. בֶּן-צִיּוֹן הָאט גֶעקוּשְׁט זַיין סִידּוּר, און אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ און מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט, וֶוען זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ דֶער עֶרְד. "אַה, וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה! אִיךְ פִיל אַזוֹי גוּט אִין הַארְצְן. וָואס פַאר אַ מַתָּנָה אִיז דָאס צוּ דַאוֶונֶען אַזַא תְּפִלָּה, עֶס זֶעטִיגְט און פִילְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ. הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט פִילְן אַזַא שִׂמְחָה יֶעדְן טָאג."

בֶּן-צִיּוֹן און אֱלִיעֶזֶר רֶעדְן בֵּיידֶע פוּן "שִׂמְחָה", אָבֶער דֶער חִילּוּק צְווִישְׁן זֵיי אִיז צִי דִי שִׂמְחָה אִיז אֱמֶת אָדֶער פַאלְשׁ. בֶּן-צִיּוֹן שְׁפִּירְט זִיךְ דֶערְהוֹיבְּן און גֵייט אַרוּם מִיט אַ גֶעפִיל פוּן אַ בֶּן מֶלֶךְ, אָבֶער אֱלִיעֶזֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ גֶעפִיל פוּן הֶפְקֵירוּת און נַארִישְׁקַייט. כְּאִילוּ שִׂמְחָה מֵיינְט צוּ טוּן מְשׁוּגֶע'נֶע און נַארִישֶׁע זַאכְן, זִיךְ

המשך אויף זייט 8